**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 153 מיליאן דאלאר צוגעטיילט צו מאכן לאקאלע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אפאָרדעבעל**

***ביליגע הלוואות און גרענטס מינימיזירן לאסט אויף יוטיליטי ביל באצאלער פאר קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען אריבער ניו יארק סטעיט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז מער פון 153 מיליאן דאלאר זענען ארויסגעלייגט געווארן צו פארטיילט ווערן צו העלפן מער פון צוויי צענדליג קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט צו פאראויס גיין מיט וואסער און סוּער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קארפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) באורד אָוו דירעקטארס האט באשטעטיגט ביליגע הלוואות און סטעיט און פעדעראלע גרענטס צו העלפן לאקאלע רעגירונגען אונטערנעמען קריטישע מאדערניזירונגען – ווי דאס ארויסנעמען ניי אנערקענטע פארפעסטיגנדע כעמיקאלן פון טרונקען וואסער – אן ארויפלייגן הויכע קאסטן אויף יוטיליטי ביל באצאלער. די אינוועסטירונגען באשיצן די געזונטהייט פון די פובליקום און די סביבה, רעדוצירן צוקונפטיגע סכנות און שטיצן שיין-באצאלטע דזשאבס.

"שטארקע קאמיוניטיס הויבן זיך אן מיט שטארקע אינפראסטרוקטור", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "ריינע וואסער איז א פונדאמענטאלע מענטשן רעכט, און דערפאר גיבן מיר פריאריטעט צו מאכן אינוועסטירונגען וואס פארזיכערן זיכערע, אפאָרדעבעל וואסער פאר ניו יארקער בשעת'ן היטן אויף לאקאלע שטייער-באצאלנדע בירגער. די געציהלטע גרענטס און ביליגע הלוואות וועלן גיבן די כלים פאר קאמיוניטיס צו באשיצן די געזונטהייט פון די פובליקום און אונזער סביבה בשעת'ן בויען א מער באפעסטיגטע צוקונפט פאר פילע קומענדיגע דורות."

די EFC'ס באורד האט באשטעטיגט פעדעראלע גרענטס און הלוואות פאר לאקאלע רעגירונגען פון די ריינע וואסער סטעיט הלוואה קאסע (Clean Water State Revolving Fund) און די טרונקען וואסער סטעיט הלוואה קאסע (Drinking Water State Revolving Fund) — א געמיש פון פעדעראלע און סטעיט דאלארן געווידמעט צו פינאנצירן קאמיוניטי וואסער און סוּער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. פינאנצירונג פון דעם פעדעראלן אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ (Infrastructure Investment and Jobs Act) זעצט פאר צו ערגענצן די סטעיט הלוואה קאסעס און אונטערשטיצן פארשריט אויף קריטישע ריינע וואסער און טרונקען וואסער פראיעקטן.

די סטעיט הלוואה קאסעס זענען ניו יארק'ס הויפטזעכליכע פינאנציעלע מיטל וואס שטופט פאראויס אירע ריינע וואסער ציהלן, ארויסגעבנדיג איבער 1 ביליאן דאלאר יערליך פאר קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו אויפבויען ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. די סטעיט הלוואה קאסעס קענען איינשפארן פאר קאמיוניטיס אזויפיל ווי 75 פראצענט אין אינטערעסט באצאלונגען אין פארגלייך צו די באַנד מארקעט וואס לאקאלע רעגירונגען נוצן געווענטליך צו בארגן געלט. צוריקצאלונגען פון די פרינסיפעל (קרן) און אינטערעסט

(ריבית) פאר די EFC ברענגען איבערחזר'נדע איינקונפט פאר די EFC כדי עס זאל קענען אפפערן הלוואות פאר נאך קאמיוניטיס צו אויפרעכטן, ערזעצן און מאדערניזירן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור אין די סטעיט.

פולקאם פינאנצירטע סטעיט הלוואה קאסעס זענען נויטיג פאר ניו יארק צו זיין גרייט צו ערפילן די אנגייענדע נויט פאר קאמיוניטיס צו פאררעכטן, אויפרעכטן און מאדערניזירן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור אין די צוקונפט. צוטריט צו עפארדעבל פינאנצירונג טוט העכערן אינוועסטירונג אין וואסער אינפערסטראקטשער, וואס קען פארמיידן קאסטבארע קאטעסטראפישע סיסטעם דורכפעלער און פארגרינגערן דעם דרוק אויף יוטיליטיס צו הייבן ראטעס, צושטעלנדיג הילף פאר פילע פאמיליעס וועלכע מוטשענען זיך שוין יעצט צו באצאלן זייערע וואסער בילס.

די באורד האט אויך באשטעטיגט פריער-צוגעטיילטע סטעיט גרענטס פון דעם 'וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג' (Water Infrastructure Improvement) פראגראם. EFC באורד באשטעטיגונג איז א קריטישע שטאפל אין דעם פינאנצירונג פראצעדור, און עס וועט ערלויבן קאמיוניטיס צו צוקומען צו די געלטער צו אנהויבן קאנסטרוקציע. דאס אריינברענגען פעדעראלע פינאנצירונג צוזאמען מיט סטעיט אינוועסטירונגען מאקסימיזירט די השפעה פון יעדע אויסגעגעבענע דאלאר, גיבנדיג די כלים פאר לאקאלע קאמיוניטיס צו מאכן קריטישע סיסטעם פארבעסערונגען וואס זיי דארפן צו האלטן זייערע איינוואוינער זיכער און זיכער מאכנדיג אז די קאסט איז נישט קיין אפהאלט פון אויספירן א פראיעקט.

**ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, Maureen A. Coleman (מאורין א. קאָולמאן), האט געזאגט**, "די באורד באשטעטיגונג מאכט זיכער אז קיין איין קאמיוניטי ווערט נישט איבערגעלאזט פון הונטן ווען עס קומט צו ריינע וואסער. אונטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, זעצט די EFC פאר צו מאכן פראיעקטן אפאָרדעבעל, אהערשטעלנדיג אנגייענדע פינאנציעלע מיטלען וועלכע באשיצן די געזונטהייט פון די פובליקום און האלטן וואסער סערוויס מעגליך פאר יעדן ניו יארקער זיך צו ערלויבן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער, Amanda Lefton (אמענדע לעפטאן), האט געזאגט**, "אינוועסטירן אין וואסער און סוער אינפראסטרוקטור צו זיכער מאכן אז אלע קאמיוניטיס האבן צוטריט צו ריינע וואסער איז א הויפט פריאריטעט פאר גאווערנער Hochul (האקול) און פאר די DEC. פון ברוקלין ביז ברוקהעיווען און באפעלאו, נויטיגן זיך לאקאלע רעגירונגען אין מיטלען צו בויען, פארבעסערן און דורכפירן אפאָרדעבעל פראיעקטן צו ארויסנעמען פארפעסטיגנדע כעמיקאלן און פארבעסערן פארעלטערטע סוערס, און די ריינע וואסער און טרונקען וואסער סטעיט הלוואה קאסעס העלפן אנפילן די פינאנצירונג לעכער וועלכע ערמעגליכן קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו אדרעסירן און ערפילן קריטישע אינפראסטרוקטור באדערפענישן."

**סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, Dr. James McDonald (דר. דזשעימס מעקדאנעלד), האט געזאגט**, "די היינטיגע אנאנסירונג איז עדות איבער גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן זיכערע און אפאָרדעבעל טרונקען וואסער פאר אלע ניו יארקער. די העלט דעפארטמענט'ס ביורא פון וואסער סופליי באשיצונג (Department of Health) (Bureau of Water Supply Protection) וועט פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים צו באשיצן די געזונטהייט פון די פובליקום און העלפן ערמעגליכן די קריטישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן פון די ערשטיגע דעזיין ביז די וואסער ארויסקומענדיג פון די קראן."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט, Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאסלי), האט געזאגט**, "ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו זיין א פירערין ווען עס קומט צו אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור צו בויען

פראיעקטן וואס זענען קריטיש פאר די געזונטהייט פון די פובליקום, קוואליטעט פון לעבן, עקאנאמישע אנטוויקלונג און ענווייראמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט. די 153 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט אפהיטן טרונקען וואסער, פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט, באקעמפן קלימאט טויש און שאפן 'גרינע' דזשאבס פאר פילע קומענדיגע דורות."

**סענאטאר Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "פאר יעדעם קומט זיך צוטריט צו ריינע טרינק וואסער. די גרויסארטיגע פעדעראלע אינוועסטירונגען וועלן זיכער מאכן אז פאמיליעס פון עליקאט ביז פארט וואשינגטאן האבן זיכערע טרונקען וואסער און אז אונזערע הערליכע טייכן און וואסער שטרוימען בלייבן ריין — און דאס אלעס בשעת'ן שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס דזשאבס, דזשאבס, דזשאבס. איך בין שטאלץ צו צושטעלן מיליאנען אין פעדעראלע פינאנצירונג און וועל קעמפן צו אנהאלטן פינאנצירונג צו מאדערניזירן טרינקן וואסער און וואסער-אפלויף סיסטעמען אין די קומעדיגע בודשעט. איך בין דאנקבאר פאר גאווארנער Hochul'ס (האקול) מיטארבעט אין די קאמפ צו טוישן די ריכטונג פון אונזער סטעיט'ס פארעלטערטע וואסער אינפרעסטראקטשער צו האלטן אונזער קאמיוניטיס פארזיכערט און געזונט."

**סענאטארשע Kirsten Gillibrand (קירסטען דזשיליבראנד) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר ניו יארקער צו האבן זיכערע, ריינע וואסער וואס קומט נישט פאר אן איבערגעטריבענע פרייז. ביליגע הלוואות און געציהלטע גרענטס פון די סארט וועלן נישט נאר איינשפארן געלט פאר לאקאלע יוטיליטי ביל באצאלער, נאר זיי וועלן אויך העלפן קאמיוניטיס מאדערניזירן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור און באשיצן די געזונטהייט פון די פובליקום. איך בין שטענדיג געווען א מידלאזע שתדלן'טע צו אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור וואס בענעפיטירט ניו יארקער, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן צו אהיים ברענגען די געלטער וועלכע שטעלן אהער די קריטישע פארבעסערונגען וואס אונזערע קאמיוניטיס דארפן."

**קאנגרעסמאן Paul Tonko (פאול טאנקאו) האט געזאגט,** "ריינע, זיכערע טרונקען וואסער איז נישט א פריווילעגיע פאר די רייכע עליטע — עס איז א פונדאמענטאלע רעכט פאר יעדן אמעריקאנעם. און דערפאר האב איך געקעמפט דורכאויס מיין קאריערע צו פארזיכערן שטארקע אינוועסטירונגען אין וואסער קוואליטעט און וואסער אינפראסטרוקטור דא אין דעם הויפטשטאט ראיאן און אריבער אונזער לאנד. די היינטיגע אנאנסירונג איז נאך א ביישפיל פון אונזער אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור געזעץ זיך שיין אפצאלנדיג פאר אונזערע געגנטער, ברענגענדיג אנהאלטנדע בענעפיטן פאר ענווייראמענטאלע באשיצונג און פאר די געזונטהייט פון די פובליקום דא אין ניו יארק און ווייטער. גייענדיג ווייטער, וועל איך פארזעצן צו ארבעטן צו זיכער מאכן אז יעדע קאמיוניטי האט צוטריט צו די מיטלען וואס זיי דארפן צו גאראנטירן זיכערע, אפאָרדעבעל וואסער פאר יעדן."

**קאנגרעסמאן John W. Mannion (דזשאן וו. מעניאן) האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין- און אויפהאלטן שטארקע אינפראסטרוקטור איז דאס וואס אן עפעקטיווע רעגירונג שטעלט צו פאר אירע בירגער, און דערפאר איז דאס פארזיכערן די דאלארן געווען א הויפט פריאריטעט פאר מיר אין די ניו יארק סטעיט סענאט און אין קאנגרעס. די 5 מיליאן דאלאר פאר די סיטי אָוו Glenmore'ס אניידע'ס דאמבע וואסער רעזערוואר איז א געוואלדיגע געווינס פאר אונזער ראיאן, באשיצנדיג די געזונטהייט פון די פובליקום און די סביבה, פארשטערקערנדיג אונזער וואסער סופליי און איינשפארנדיג געלט פאר יוטיליטי ביל באצאלער פאר יארן אין די צוקונפט. איך וועל פארזעצן צו ברענגען די מיטלען און סטעיט און פעדעראלע שותפות'ן וואס אונזער קאמיוניטיס דארפן צו בליהען. איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט און איר פארפליכטונג צו אהערשטעלן רעזולטאטן פאר צענטראל ניו יארק און די מאוהאק וואלי."

**סטעיט סענאטאר Harckham (הארקהעם) האט געזאגט,** "צוטריט צו ריינע וואסער איז א פונדאמענטאלע מענטשן רעכט, און דאס פארזיכערן די אפארדעביליטי דערפון איז א פונדאמענטאלע

פאראנטווארטליכקייט פון רעגירונג. די 153 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג איז א קלוגע, פאראויס-קוקנדע פארפליכטונג צו אונזערע קאמיוניטיס וואס וועט פארבעסערן די געזונטהייט פון די פובליקום, פארשטערקערן סוער באהאנדלונג סיסטעמען, שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס און טרייבן עקאנאמישע וואוקס. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול), די EFC און מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור פארן געבן פריאריטעט פאר די קריטישע אנגעלעגנהייט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Deborah J. Glick (דעבארע דזש. גליק) האט געזאגט,** "די גאלטער ברענגען גאר-נויטיגע הילף פאר קאמיוניטיס וואס שטייען אויס באדייטנדע וואסער שוועריגקייטן. דורכן צוזאמפארן סטעיט און פעדעראלע מיטלען, וועט די פינאנצירונג העלפן לאקאלע רעגירונגען ערזעצן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור, אדרעסירן שעדליכע פארפעסטיגנדע כעמיקאלן און זיכער מאכן אז איינוואוינער האבן זיכערע און פארלעסליכע וואסער. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו באשיצן ניו יארקער און שטיצן די אינוועסטירונגען אין וועלכע אונזערע לאקאלע רעגירונגען נויטיגן זיך אזוי דרינגנד."

פינאנצירונג איז באשטעטיגט געווארן פאר פראיעקטן אין די פאלגנדע ראיאנען:

**הויפטשטאט ראיאן**

- טאון אָוו פאוסטענקיל (Poestenkill) - 4 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר די דעוועלאפמענט פון וואסער דיסטריקט נומער 2.

**צענטראל ניו יארק**

- **סיטי אָוו אניידע** - 5 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר פארבעסערונגען ביי די Glenmore דאמבע רעזערוואר איינריכטונג.

**פינגער לעיקס**

- **טאון אָוו קאסטיל (Castile)** - 2.7 מיליאן דאלאר פאר די ערזעצונג פון אומגעפער 20,940 פיס אין די לענג פון הויפט וואסער רערן, וואַלווס, פייער פאמפס און פארבינדענע טיילן פאר די Gardeau וואסער דיסטריקט און פאר די געגנט וואס ווערט צוגעשטעלט סערוויס אינדרויסן פון די אפיציעלע עקזיסטירנדע וואסער דיסטריקט גרעניצן.
- **ווילעדזש אָוו דזשענעסיאָו** - 2.7 מיליאן דאלארדיגע גרענט און אינטערעסט-פרייע הלוואה פעקעדזש פאר די קאנסטרוקציע פון שמוץ וואסער סוער רערן סיסטעם פארבעסערונגען.
- **מאנראו קאונטי** - 2.4 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר די קאנסטרוקציע פון פארבעסערונגען צו די וואסער טאנק וואו די ביאלאגישע רייניגונג כעמיקאלן ווערן ארויסגענומען פון די וואסער ביי מאנראו קאונטי'ס Frank E. Van Lare וואסער רייניגונג איינריכטונג, און פאר די דעזיין און קאנסטרוקציע פון פארבעסערונגען צו די דזשענעסי וואלי פאמפ סטאנציע און פרעשורייזד רער ('פאָרס מעין').

**לאנג איילענד**

- **טאון אָוו העמפסטעד** - 7.8 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון א פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור און 'גרעניוּלער עקטיווערטעד קארבאן' (Granular Activated Carbon) רייניגונג סיסטעם צו פילטרירן 1,4-dioxane און אומסטאבילע ארגאנישע כעמיקאלן פון די East Meadow וואסער דיסטריקט גרובער נומערן 5 און 11.
- **ווילעדזש אָוו מיניאָולע** - 5 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר די אינסטאלאציע פון צוויי 'גרעניוּלער עקטיוועיטעד קארבאן' סיסטעמען צו וואס כעמיקאלן 'קלעבן זיך צו' און פארבינדענע טיילן ביי גרוב נומער 6 צו ארויסנעמען PFOA און PFOS פארפעסטיגונג.
- **פארט וואשינגטאן וואסער דיסטריקט** - 5 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון א 'גרעניוּלער עקטיוועיטעד קארבאן' רייניגונג סיסטעם צו ארויסנעמען PFOA און PFOS פון Sandy Hollow גרובער 1 און 2.
- **טאַון אָוו ריווערהעד** - 1.3 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר די אינסטאלאציע פון 'גרעניוּלער עקטיוועיטעד קארבאן' צו ארויסנעמען PFAS פון פלענט נומער 5.

**מיטל-האדסאן**

- **טאון אָוו איסט פישקיל** - 5 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר די אינסטאלאציע פון אן אייאָן עקסטשעינדזש רייניגונג סיסטעם ביי די Hopewell Hamlet וואסער דיסטריקט צו ארויסנעמען PFAS, די קאנסטרוקציע פון א נייע גרוב ביי די Beekman גרובער איינריכטונג און אינסטאלאציע פון פארבינדנדע רערן אריבער די טאון צו פארבינדן צווישן עטליכע וואסער דיסטריקטס.
- **טאון אָוו ניובורג** - 1 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון פארבעסערונגען צו רעדוצירן אריינפליסנדע און אינפילטרירנדע רעגן וואסער אין די Meadow Hill גרעוויטי שמוץ וואסער סוּער סיסטעם. די גרענט איז פינאנצירט געווארן דורך דעם 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' (Clean Water, Clean Air and Green Jobs Environmental Bond Act) פון 2022.

**מאוהאק וואלי**

- **ווילעדזש אָוו סעינט דזשאַנסוויל** - 13.7 מיליאן דאלארדיגע גרענט און אינטערעסט-פרייע הלוואה פעקעדזש פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון סוּער וואסער רייניגונג פלענט פארבעסערונגען.

**צפון קאנטרי**

- **ווילעדזש אָוו בראונסוויל** - 19.5 מיליאן דאלארדיגע גרענט און הלוואה פעקעדזש פאר די ערזעצונג פון אן אומגעפער 500,000-גאלאן וואסער סטארעדזש טאנק, אראפּווארפונג פון די עקזיסטירנדע פארעלטערטע וואסער סטארעדזש טאנק, ערזעצונג פון אומגעפער 28,000 פיס אין די לענג פון פארעלטערטע הויפט וואסער רערן און פארבינדענע טיילן און אינסטאלאציע פון 'וועריעבעל פריקווענסי דרייווער' אפאראטן וואס קאנטראלירן די מאטאר פון פאמפּס ביי גרובער נומערן 1, 2 און 3.
- **טאון אָוו דענעמארע (Dannemora)** - 5.9 מיליאן דאלארדיגע גרענט און הלוואה פעקעדזש פאר די קאנסטרוקציע פון סוּער וואסער רייניגונג פלענט פארבעסערונגען ביי די Lyon Mountain סוּער וואסער רייניגונג פלענט.

- **טאון אָוו האונספיעלד** - 1.1 מיליאן דאלארדיגע הלוואה פאר די קאנסטרוקציע פון די Route 12F סוּער דיסטריקט נומער 1 פאָרס מעין.
- **ווילעדזש אָוו לעיק פלעסיד** - 12.5 מיליאן דאלארדיגע גרענט און אינטערעסט-פרייע הלוואה פעקעדזש פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון פארבעסערונגען צו די סוּער וואסער רייניגונג פלענט.
- **ווילעדזש אָוו ראַוזעס פוינט** - 8 מיליאן דאלארדיגע גרענט און הלוואה פעקעדזש פאר די קאנסטרוקציע פון א נייע 'מעמברעין' וואסער פילטרירונג פלאן האבנדיג א קאפאציטעט פון 1 מיליאן גאלאנען פער טאג און קאנסטרוקציע פון א נייע וואסער פאמפּ סטאנציע צו ארייַנפּאמפּען רויע סוּער וואסער אין די נייע וואסער רייניגונג איינריכטונג.
- **ווילעדזש אָוו טורין** - 7 מיליאן דאלארדיגע גרענט און אינטערעסט-פרייע הלוואה פעקעדזש פאר די ערזעצונג/אינסטאלאציע פון אומגעפער 17,200 פיס אין די לענג פון הויפט וואסער רערן און פארבינדענע טיילן; פארלענגערונג פון פובליק וואסער צו באדינען 20 עקזיסטירנדע וואוינונגען; ערזעצונג פון וואסער מיטערס; אראפּווארפונג פון די עקזיסטירנדע געהעכערטע וואסער סטארעדזש טאנק; אינסטאלאציע פון א נייע וואסער סטארעדזש טאנק; וואסער רייניגונג איינריכטונג מאדערניזירונגען; און דעוועלאפּמענט פון מער קאפאציטעט פאר ארייַנקומענדע וואסער.

**דרום טייל ראיאן**

- **ווילעדזש אָוו ענדיקאט** - $286,725 גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון שמוץ וואסער סוּער פארבעסערונגען.

**מערב ניו יארק**

- **ווילעדזש אָוו עקראן** - 6.5 מיליאן דאלארדיגע גרענט און אינטערעסט-פרייע הלוואה פעקעדזש פאר פארבעסערונגען צו אן עקזיסטירנדע Crittenden Road וואסער סטארעדזש טאנק.
- **ווילעדזש אָוו קעסעדעגע (Cassadaga)** - 9.5 מיליאן דאלארדיגע גרענט און הלוואה פעקעדזש פאר די דעוועלאפּמענט פון א נייע אונטערערדישע וואסער גרוב אדער אינסטאלאציע פון רייניגונג עקוויפּמענט צו אדרעסירן העכערע מעטעין און אייזן אין די עקזיסטירנדע גרוב נומער 5 וואס איז ארויסגענומען געווארן פון סערוויס צוליב וואסער קוואליטעט פראבלעמען.
- **טאון אָוו עליקאט** - 10 מיליאן דאלארדיגע גרענט און אינטערעסט-פרייע הלוואה פעקעדזש פאר די פארלענגערונג פון פובליק וואסער סערוויס צו די פלוּאוואנא געגנט, וואס רעכנט אריין אומגעפער 34,000 פיס אין די לענג פון הויפט וואסער רערן, וואַלווס, פייער פאמפּס און סערוויס מיטערס.
- **טאון אָוו וועסטפיעלד** - $555,600 WIIA גרענט פאר די שאפונג פון די NYS Route 5 Water Benefit דיסטריקט נומער 2, ארייַנרעכענענדיג אינסטאלאציע פון אומגעפער 23,000 פיס אין די לענג פון הויפט וואסער רערן, א כלארין בוּסטער סטאנציע, פייער פאמפּס, וואַלווס און מיטערס

**ריפייַנענסען פארענדיגטע פראיעקטן וועט ערלייכן לאנג-טערמיניגע איינשפארונגען אין הלוואה סערוויס באצאלונגען**

קורץ-טערמיניגע הלוואות שטעלן צו די געלטער פאר די דעזיין און קאנסטרוקציע פון פראיעקטן. איינמאל פראיעקט קאנסטרוקציע איז פארטיג ווערט די קורץ-טערמיניגע הלוואה געוויינטליך ריפייַנענסט צו ווערן

א לאנג-טערמיניגע הלוואה פאר ביז אזויפיל ווי 30 יאר, איינשפארנדיג לאקאלע רעגירונגען באדייטנדע אינטערעסט אויסגאבן וואס זיי וואלטן געהאט אױב זיי וואלטן אליין געדארפט ארויסנעמען די הלוואות. באזירט אויף די יעצטיגע מארקעט אומשטענדן זענען די לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואות פאראויס געשאצט צו איינשפארן לאקאלע יוטיליטי ביל באצאלער א געשאצטע 25.9 מיליאן דאלאר אין אינטערעסט באצאלונגען אין לויף פון די תקופה וואס די הלוואות ווערט צוריקגעצאלט.

די באורד האט באשטעטיגט לאנג-טערמיניגע הלוואות פאר פראיעקטן אונטערגענומען דורך קאמיוניטיס אין די **פינגער לעיקס**:

- **ווילעדזש אָוו נױארק** - $430,423 אין א לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון סוער וואסער רייניגונג איינריכטונג דיסאינפעקשען פארבעסערונגען.
- **ווילעדזש אָוו פערי** - 6.5 מיליאן דאלאר אין א לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר די דעזיין און קאנסטרוקציע פון סוער וואסער רייניגונג פּלענט פארבעסערונגען.
- **ווילעדזש אָוו וואָטערלו** - 9.2 מיליאן דאלארדיגע לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר פארבעסערונגען צו די טרונקען וואסער רייניגונג איינריכטונג, אריינרעכענענדיג א געביידע אויסברייטערונג צצו שטיצן די אינסטאלאציע פון פּרעשורייזד פילטערס וואס ליגן אין די ברייט (האריזאנטאל) און 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' פילטערס און אנדערע פארשידענע מאדערניזירונגען; די אראפּווארפונג פון די עקזיסטירנדע פארעלטערטע וואסער סטארעדזש טאנק; די אינסטאלאציע פון א נייע וואסער סטארעדזש טאנק און פארבינדענע עקוויפּמענט; און די אינסטאלאציע פון צווי נייע פארבינדנדע רערן צווישן די ווילעדזש און טאון אָוו סענעקע פאָלס וואסער סיסטעמען.

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט**
ניו יארק סטעיט טוט ווייטער פארמערן איר נאציאנאל-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפערסטראקטשער. גאווערנער Hochul (האקול) האט לעצטנס אנאנסירט איבער 20 מיליאן דאלאר אין גרענטס געשאנקען דורך די EFC'ס [Green Innovation און סוער וואסער אינפראסטרוקטור אינדזשעניערונג פלאנירונג (Wastewater Infrastructure Engineering Planning) גרענטס.] די קומענדיגע רונדע פון די EFC'ס וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען און אינטער-מוניציפאלע וואסער אינפראסטרוקטור גרענטס פראגראם איז יעצט אפן אויף [www.efc.ny.gov]. די רונדע טוט רעפלעקטירן ניו יארק'ס אנגייענדע פירערשאפט אין אינוועסטירן אין עפארדעבל, קאמיוניטי-געטריבענע ריינע וואסער לעזונגען.

מיט 500 מיליאן דאלאר געווידעמעט פאר ריינע וואסער אינפערסטראקטשער אין די פינאנציעלע יאר 2026 ענעקטעד בודשעט געמאלדן דורך גאווערנער Hochul (האקול), וועט ניו יארק שוין האבן געהאט אינוועסטירט א סך הכל פון 6 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפערסטראקטשער זייט 2017. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן ווערט געמוטיגט זיך צו [פארבינדן מיט די EFC]. ניו יארקער קענען נאכפאלגן פראיעקטן וואס בענעפיטירן פון די EFC'ס אינוועסטירונגען נוצנדיג די אינטערעקטיוו [פראיעקט אימפאקט דעשבאורד].

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן